# משיחות ש״פ חיי שרה תשל״ה

אוצר החכמה

א. מ'האט שוין גערעדט כמה פעמים בארוכה אז די נעמען פון די סדרות זיינען דאך עפ"י מנהג ישראל און אריינגענומען אין מנהג ישראל; וואס דערפאר זעט מען דאך אז וועז תלמידי חכמים שרייבן בריף – וואס די הנהגה פון א ת"ח דארף זיין אויסגעהאלטן אין אלע פרטים עפ"י תורה, עכ"פ ווי תורה שטעלט זיך אויס אין מנהג ישראל, זעט מען דאך אז ווען חכמי ישראל און נשיאי ישראל שרייבן מאמרים, אדער אפילו אין זייער בריף, שרייבן זיי צו אז דאס ווערט געשריבן אין א טאג פון (לדוגמא ווי אין היינטיקן וואך) פ' חיי שרה, ד.ה. אז די גאנצע סדרה ווערט אנגערופן חיי שרה (וכיו"ב בשאר הסדרות),

און וויבאלד אז די נעמען פון די סדרות זיינען דאך מנהג ישראל, זיינען זיי תורת ישראל, ובמילא איז פארשטאנדיק אז דאס איז קשור מיט, און מיוסד אויף, תורת הבעש"ט הידוע, און דער מגיד ברייננגט דאס אויך (עה"פ כל אשר יקרא לו האדם נפש חי' הוא שמו), אז שמו אשר יקראו לו בלה"ק ברייננגט די זאך (הנקרא בשם זה) און מאכט אויף די זאך און איז מחי' די זאך, און ווי דער אלטער רבי ברייננגט דאס אויך אראפ אין שער היחוד והאמונה (בתחלתו),

ומזה מובן אויך בנוגע לשמות הסדרות, ובנדו"ד – דאס וואס דער סדרה ווערט אנגערופן (עפ"י מנהג ישראל, כנ"ל) חיי שרה, איז דאס ניט דערפאר וואס דאס זיינען צוויי פון די ערשטע ווערטער של הסדרה, נאר דערפאר וואס (דער נאמען) חיי שרה איז דער עצם און די נקודה און די חיות פון כל עניני ופרטי הסדרה, ומטעם זה ווערט די גאנצע סדרה (עם כל פרטיה) אנגערופן חיי שרה.

ולכאורה, בשעת מ'גיט א קוק אין דער סדרה זעט מען דאך אז נאר דער ערשטער פסוק פון די פרשה רעדט וועגן חיי שרה, משא"כ די פסוקים שלאח"ז ריידן אלע וועגן ענינים וואס האבן לכאו' קיין שייכות ניט מיט חיי שרה, עד כדי כך אז די פסוקים גלייך נאך דעם ערשטן פסוק ריידן גאר וועגן ענינים וואס זיינען גאר דער היפוך פון חיי שרה – "ותמת שרה בקרית ארבע גו'", און אויך לאח"ז וואס ער דערציילט ווי אברהם איז געגייגען אפקויפן די מערת המכפלה פון בני חת וכו' – זיינען זיי אלץ ענינים וואס איז פונקט דער היפך פון חיי שרה, ביז ווי עס שטייט ווייטער "ויוסף אברהם ויקח אשה ושמה קטורה", וואס דאס איז בעוועך דערפאר וואס שרה איז דעמולט ניט געווען בעולם,

ואעפ"כ, איז בא קיינעם קיין ספק ניט, און ס'איז א דבר ברור (עפ"י תורת הבעש"ט הנ"ל) אז דאס וואס דער סדרה ווערט אנגערופן חיי שרה, איז דאס מצד דעם וואס (דער ענין פון) חיי שרה איז די חיות וכו' פון די גאנצע סדרה, פון כל פרט הסדרה; דאס וואס עס ווערט דערציילט ווייטער וועגן דעם שידוך פון יצחק מיט רבקה, ביז צו דער פלא הכי גדול – דאס וואס אברהם האט בעפועל'ט בא בני חת זיי זאלן אים פארקויפן די מערת המכפלה (שזהו לכאו' ענין הפכי מחיי שרה), איז דאס פארבונדן מיט חיי שרה, ביז אויך דער לעצטער ענין פון דער סדרה, װאס ער רעדט וועגן תולדות ישמעאל, ביז "על פני כל אחיו נפל", איז דאס אלץ פארבונדן מיט חיי שרה דוקא.

און אלע טעג פון וואך ווערן אנגערופן טעג פון חיי שרה – וואס יעדער טאג פון דער וואך איז פארבונדען מיט א חלק מסוים פון די סדרה, וואס בנוגע צו די אנדערע טעג פון וואך איז דאך זיכער ניט פארשטאנדיק – וואס איז זייער שייכות מיט חיי שרה; ואפילו בנוגע צו דעם יום ראשון בשבוע (וואס איז פארבונדען מיט דער ערשטער פרשה של הסדרה) איז דאך אויך ניט מובן כנ"ל: נאר דער ערשטער פסוק רעדט וועגן דעם ענין פון חיי שרה, משא"כ די פסוקים שלאח"ז ריידן גאר וועגן ענינים וואס זיינען לכאורה דער היפך דערפון?

– דער –



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ה א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 172 הודפס ע"י א

דער ביאור בזה האב מען שוין גערעדט אמאל בארוכה, במילא איז דאך ניט נוגע צו איבערחזר'ן דא נאך אמאל דעם גאנצן ענין, בלויז די נקודה שבדבר, און דאס איז:

דער אלטער רבי איז מבאר אין אגה"ק (סי' ז"ך וביאורו) אז חיי הצדיק זיינען ניט חיים בשריים נאר חיים רוחניים – אמונה ויראה ואהבה, וואס דאס איז דער אינהאלט פון חיי שרה – חיים הראויים לשרה, וואס דאס איז חיים רוחניים כנ"ל;

און דער פסוק איז מודיע גלייך בתחלת הסדרה – "ויהיו חיי שרה מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים שני חיי סרה" – אז כולן שוין לטובה (פרש"י שם), וואס דאס וויל דער פסוק מודיע זיין און מכריז זיין אז כל שנותיה של שרה זיינען געווען שוות לטובה,

ווען האט מען דער בירור אויף דעם? – איז לכאו' וואלט געווען מספיק אז מ'זאל ווארטן ביז'ן לעצטען טאג פון איר לעבן בעלמא דין, וואס דעמולט איז, ווי דער אלטער רבי איז מבאר אין אגה"ק (שם), דער סך הכל, און דער עלי' למעלה, פון די גאנצע עבודה וואס זי האט געטאן במשך כל ימי חייה – ווען זי איז געווען א נשמה בגוף דא למטה; איז דעמולט קאן מען שוין האבן דער בירור לכאו' אז כולן שוין לטובה,

זאגט אבער דא די תורה א הוספה בזה, און ביז וואנענט אז דאס איז ניט בלויז א הוספה, נאר דאס ווערט דא דער עיקר: ווען האט מען דעם בירור לאמיתתו אז איר לעבן איז געווען א לעבן וואס איז ראוי' לשרה – כולן שוות לטובה – דוקא ווען מ'זעט וואס פארא השפעה איר לעבן האט געהאט אויף די מאורעות וואס זיינען געטראפן לאחרי ווי זי איז שוין ניט געווען בעולם – לאחרי הסתלקותה, שאז דוקא קען מען ריכטיק אפשאצן איר לעבן, און זען אז דאס איז טאקע חיי שרה – חיים הראויים לשרה.

וואס בפשטות איז דאס – אז מ'זעט וואס פארא קינדער זי האט איבערגעלאזט, ווי די קינדער פירן זיך אויף לאחרי הסתלקותה, אט דעמולט זעט מען אז איר לעבן איז געווען ווי עס דארף זיין, און דעמולט ווייס מען אז זי איז צופרידן פון איר לעבן, און ניט בלויז אז זי אליין איז צופרידן, נאר די גאנצע וועלט ארום איז אויך צופרידן פון איר לעבן.

[וואס דאס איז דאך אן ענין עיקרי – דאס וואס (מ'איז זיך ניט מסתפק דערמיט וואס זי אליין איז צופרידן, נאר) די וועלט איז אויך צופרידן פון דעם, שהרי זוהי תכלית הכוונה – צו אויפטאן מיט וועלט, וכמא' (קה"ר ז,ב) "הלך הקב"ה מהלך ת"ק שנה לקנות לו שם", און ווי מ'זאגט אז מ"ת איז געווען דא למטה דוקא, בעולם הזה הגשמי, ובלשון פון דעם אלטן רבי'ן אין תניא (פל"ז) אז דאס וואס די נשמה איז אראפגעקומען למטה בעוה"ז איז ניט בשביל עצמה נאר צו מתקן זיין די וועלט, אשר בזה נכלל גם גופו ונפשו הבהמית; ואע"פ אז ע"י ירידה זו קומט צו א עלי' אין די נשמה, אבער ניט דאס איז תכלית הכוונה, כ"א – צו מתקן זיין די וועלט],

איז בשעת מ'זעט די השפעה וואס איר לעבן האט געהאט אויף די קינדער, און ווי זיי פירן זיך אויף וכו', ווייס מען שוין בבירור אז איר לעבן איז בעווען חיים הראויים לשמם וכו'.

וואס דאס איז ווי דער אלטער רבי זאגט אין תניא (פכ"ה) אז ווען א איד טוט א דבר טוב – א מצוה, איז "יחוד זה למעלה הוא נצחי לעולם ועד", דאס איז אן אייביקע זאך וואס ווערט קיינמאל ניט בטל; און ס'איז ניט דער פירוש בזה אז בלויז למעלה איז דאס א יחוד נצחי, אבער דא למטה איז דאס ניט אזוי – נאר למטה איז דאס אויך אזוי, עס איז בלויז אז דער אדם, וואס ער איז א בעל בחירה, האט ער דערנאך די בחירה ווי ער זאל זיך פירן, צי ער זאל זיך איבערשטעלן אין נאך א

– העכערן –

הנחה הת' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ה א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 173 הודפס ע"י או

העכערן מצב, צי אין א נידעריקן מצב(ח"ו), אבער דער דבר טוב וואס ער האט געטאן איז אלעמאל דא, ווארום קדושה איז א ענין נצחי, עס קען קיינמאל ניט בטל ווערן,

דאס איז אויך דער ביאור אין דעם וואס עס רעדט זיך בארובה אין ספרי מוסר, אז בשעת איינער איז מסופק וועגן א געוויסע זאך צי ס'איז א דבר טוב צי ניט, צי ער זאל דאס טאן אדער ניט, איז די בחינה ע"ז: ער זאל זיך פארשטעלן ווי ער וועט פילן לאחרי ווי ער וועט אפטאן די מעשה: אויב ער איז צופרידן פון דעם וואס ער האט געטאן, איז א סימן אז דאס איז א גוטע זאך, ווארום בשעת א איד טוט א דבר טוב, איז ער צופרידן דערפון; אויב אבער ער וועט ניט זיין צופרידן דערפון, און ער'ט חרטה האבן וואס ער האט דאס געטאן, איז א סימן אז דאס איז ניט קיין גוטע זאך, ווארום בשעת א איד טוט א דבר בלתי רצוי, איז דאס בלויז וואס בשעת מעשה איז בא אים געווען אן ענין יצרו אנסו, אבער דערנאך כאפט ער זיך אז דער גאנצער ענין איז געווען קאפויער; לפי שעה איז דאס בא אים געווען באופן ד"נופת תטופנה שפתי זרה", אבער דערנאך ווען ער כאפט זיך - און סוכ"ס וועט ער זיך כאפן ע"ז ווארום לא ידח ממנו נדח - זעט ער אז "אחריתה" איז פונקט דער היפך - "מרה כלענה",

ד.ה. אז א דבר טוב ווערט נמשך שטענדיק, ס'איז אן ענין נצחי וואס ווערט קיינמאל ניט בטל, משא"כ א דבר בלתי רצוי איז א זאך וואס קען ניט בלייבן, עס ווערט סוכ"ס בטל,

און דאס איז אויך דער ביאור אין חיי שרה, אז דאס איז אן ענין נצחי; דעם אופן ווי זי האט געלעבט איר לעבן, א נשמה בגוף דא למטה, האט באווירקט און האט געהאט א השפעה אויף די אלע מאורעות שאירעו לאחרי הסתלקותה (שאודותם מדובר בפ' חיי שרה) - דער שידוך פון יצחק מיט רבקה, און ווי אברהם האט זיך געפירט מיט בני חת וכו', ביז צו דעם לעצטן ענין פון דער סדרה וואו עס רעדט זיך וועגן ישמעאל ובניו - "על פני כל אחיו נפל", זיינען די אלע ענינים וואס באווייזן אז שרה האט געלעבט איר לעבן אין אן אופן וואס איז ראוי לשרה; די אלע ענינים זיינען געטראפן באופן בזה דערפאר וואס אלע קכ"ז שנה של חיי שרה זיינען געווען שוין לטובה, ולכן, איז די נקודה און די חיות פון די אלע ענינים (שבהסדרה) דער ענין פון חיי שרה.

אע"פ וואס לכאו' זאגט מען דאך אז "איש דרכו לכבוש ואין אשה דרכה לכבוש" (יבמות סה,ב), און "כל כבודה בת מלך פנימה", ובפרט בנוגע צו שרה וואס "צנועה היא" און דערפאר איז זי געווען באוהל(וירא יח,ט. ופרש"י שם), איז ווי זאגט מען אז דער אופן ווי אברהם האט זיך געפירט מיט בני חת וכו', און דאס וואס מ'האט געפועל'ט אז ישמעאל ובניו זאלן שטיין אין א אופן פון "על פני כל אחיו נפל"(און ניט שכן), איז דאס אלץ ענינים פון חיי שרה - דאס איז דאך לכאו' אן ענין של כבוש (וואס מ'פועלט א ביטול אין אוה"ע), ואין אשה דרכה לכבוש?

נאר דער ביאור אין דעם איז: וויבאלד אז די אשה איז די עקרת הבית, זיינען די אלע פעולות וואס דער מאן און די קינדער טוען פארבונדן מיט די השפעה של האשה; איז דאס וואס ס'איז געווען בא אברהם אן ענין פון כבוש בנוגע צו בני חת וכו', איז דאס געווען פארבונדן מיט די השפעה של שרה - "כל אשר תאמר אליך שרה שמע בקולה", במילא האט זי א חלק אין דעם, ועד"ז וואס מ'האט געפועל'ט אין ישמעאל ובניו וכו', און דערפאר זאגט מען אז דאס זיינען אלץ ענינים פון חיי שרה.

וואס בנוגע צו בני חת איז דאס - וואס אברהם האט זיי געזאגט "גר ותושב אנכי עמכם", ווי רש"י איז מפרש: אם תרצו הריני גר ואם לאו אהי' תושב ואטלנה מן הדין שא"ל הקב"ה לזרעך אתן את הארץ הזאת, אז אויב איר ווילט ניט פארקויפן די מערת המכפלה, איז דעמולט זאלט איר וויסן זיין אז

- איר -



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ה א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 174 הודפס ע"י א

אוה"ח 1234567

איר האט לכתחלה קיין מציאות ניט און דאס באלאנגט לכתחלה צו כיר,

אוה"ח 1234567

ד.ה. אז די גאנצע מציאה פון בני חח איז - אז זיי זאלן פארקויפן די מערה המכפלה צו אברהם'ן, ובמילא, אויב זיי ווילן דאס פארקויפן איז - הרינו גר, און ער וועט דאס קויפן פאר געלט; אזוי וויל דער אויבערשטער אז די מערה המכפלה זאל זיין לכתחלה בא בני חח און זיי זאלן דאס פארקויפן צו אברהם'ן; אויב אבער זיי ווילן דאס ניט פארקויפן, ד.ה. זיי זיינען ניט ממלא הפקידם, איז דעמולט נעמען זיי אליין צו פון זיך די זאך וואס גיט זיי זייער מציאות (דאס וואס זיי דארפן פארקויפן די מערה המכפ"ה צו אברהם'ן), ווערן זיי בדרך ממילא בטל, זיי האבן לכתחלה קיין מציאה ניט, ולכן - אהי' תושב וכו', באלאנגט דאס לכתחלה צו אברהם'ן.

וואס דאס איז אויך דער ביאור אין א פלא'דיקן דין בנוגע צו די עונשים פון בני נח: בא אידן זיינען דא חילוקים אין עונשים, ער סוס א הארבערער עבירה - קומט אים א שווערערן עונש, ניט אזא הארבער עבירה - קומט אים א לייכטערן עונש, ס'איז פאראן עונש מלקות, עונש מיתה וכו', משא"כ בנוגע צו עכו"ם - זיינען ניטא קיין חילוקים אין זייערע עונשים: וואס פארא עבירה ער זאל ניט טאן (פון די שבע מצות ב"נ) - קומט אים דעם זעלבן עונש: מיתה (ראה רמב"ם הל' מלאכים פ"ת ה"ט-י'), היפך החיים, ער דארף ווערן אויס מציאות,

ולכאו' איז גאר איפכא מסתברא: אידן האבן דאך געהערט זייעדער מצות פון דעם אויבערשטן אליין - בשעת מ"ת - ווען דער אויבערשטער האט געזאגט די עשה"ד, וואס אין די עשה"ד זיינען כלול אלע תרי"ג מצות דאורייתא מיט די ז' מצות דרבנן, וואס דערפאר זיינען דא אין די עשה"ד הר"ך אותיות כנגד די תרי"ג מצות דאורייתא און ז' מצות דרבנן (ראה במדב"ר יג,טז. של"ה פ' יהרו שהז,א (בשם הקדמונים)), וואס זיי אלע זיינען כלול אין די עשה"ד, קומט דאך אויס אז אידן האבן געהערט אלע זייעדער מצות פון דעם אויבערשטן אליין בעת מ"ה,

משא"כ גוים, זייען זייער נשמה ניט געווען ביים בארג סיני בשעת מ"ה, און זיי דארפן מקיים זיין זייער שבע מצות דערפאר וואס משה רבינו האט אזוי געזאגט, ווי דער רמב"ם שרייבט אין יד החזקה (הל' מלכים שם הי"א) אז בני נח דארפן מקיים זיין שבע מצות דידהו דערפאר וואס אזוי האט דער אויבערהסער געזאגט מסד רבינו בהר סיני; האבן זיי דאס ניט געהערט פון דעם אויבערשטן אליין נאר מפי השליח,

ואעפ"כ זעט מען אז ביי אידן זיינען דא חילוקים בהעונשים שלהם - כפי חומר העבירה: ס'איז תאראן אן עונש מלקות, מכת מרדות, עונשי ממון, עונשי מיתה וכו', משא"כ בא גוים זיינען ניטא קיינע חילוקים אין זייעד עונשים, נאר אויף יעדער עבירה קומט זיי דער זעלבער עונש - היפך החיים?

איז דער ביאור: אידן זיינען א מציאה אמיתי מצד עצמם, ביז וואנעניז אז אידן זיינען נאך העכער פון תורה, וכמדובר לעיל בארוכה וואס ער זאגט אין מדרש (ב"ר פ"א,ד) אז "מחשבתן ש' ישראל קדמה לכל דבר", ואפילו צו תורה, ווי מ'זעט אז אין תורה שטייט "דבר אל בנ"י", "צו את בנ"י", ד.ה. אז בדי עס זאל זיין א מציאה של תורה, דארף פריער זיין די מציאות פון בני ישראל,

משא"כ גוים זייען ניט קיין מציאה הצד עצמם, נאר זייער גאנצער מציאה איז וואס דורך זיי, ועל ידם, זאל צוקומען אן עניי פון תורה ומצוה - בשביל ישראל ובשביל התורה, דאס איז זייער גאנצע מציאות, ובמילא, כל זמן אז בא זיי איז דא דער עניין פון קרו לה אלקה דאלקיא, און זיי זיינען ניט משנה תפקידם, האבן זיי א מציאות; בשעת אבער ער טוט אן עבירה, ער איז משנה תפקידו, בא אים איז ניטא דער קרו לה אלקא דאלקיא - איז ער שולל זיין מציאות, ער נעמט צו פון זיך

<u>הנחה הת' בלתי מוגה</u>





הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ה א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 175 הודפס ע"י א

אוצר החכמה

די זאך וואס באַרעכטיקט זיין מציאות (דאס וואס אינו משנה תפקידו), בדרך ממילא ווערט ער אוים מציאות, וואס דאס איז דער עונש מיתה - היפך החיים.

ועד"ז האט אברהם אבינו געטענה'ט צו בני חת: "גר ותושב אנכי עמכם" די גאנצע מציאות פון דעם וואס די מערת המכפלה האט זיך געפונען בא בני חת, איז דאס כדי עפרון זאל דאס פארקויפן אברהם'ן, שעי"ז וועט צוקומען אן ענין אין תורה - דערפון וועט מען קענען אפלערנען "קיחה קיחה משדה עפרון" (קדושין ב,א).

איז אויב ער וועט דאס פארקויפן, האט ער זיין מציאות, ער איז ממלא תפקידו, ובמילא - הריני גר, ווייל אזוי ווי"ל דער איבערשטער, און ער וועט דאס אפקויפן; אויב אבער ער וועט דאס ניט פארקויפן, איז ער אהי"ת 1234567 ניט ממלא תפקידו, האט ער לכתחלה קיין מציאות ניט, ובמילא נעמט דאס אברהם אן קיין שום שקלא וטריא - אהי' חושב ואטלנה מן הדין, און עפרון ובני חת בלייבן עבדים בא אים.

ווי קומט אברהם אבינוריידן צו זיי מיט אזא שטארקייט? - דערפאר וואס "ויקם אברהם מעל פני מתו", ועי"ז - וידבר אל בני חת לאמר", ס'-איז געווען פארבונדן מיט די השפעה פון שרה, ד.ה. אז די השפעה וואס שרה האט בעהאט אויף אברהם'ן האט גע'פועל'ט אויך לאחרי הסתלקותה (כנ"ל אז דאס איז אן ענין נצחי), אז ער זאל גיין ריידן מיט בני חת בחוזק כזה, וואס דאס האט געבראכט זיי זאלן אים אפגעבן די מערת המכפלה. אהי"ת 1234567

ועד"ז איז דאס אויך בנוגע צו דעם וואס עס ווערט דערציילט בסיום הסדרה "ואלה תולדות ישמעאל גו' על פני כל אחיו נפל", ניט על פני כל אחיו ישכון" ווי עס שטייט פריער (לך טז,יב), נאר "נפל", ד.ה. אז ישמעאל שטייט אין א מצב פון נפילה - איז דער ענין אויך אויפגעטאן גע-ווארן ע"י (חיי) שרה, דאס איז אויך פארבונדן מיט שרה'ס השפעה.

אע"פ אז דער ענין פון ישמעאל איז פארבונדן לכאו' מיט אברהם'ן, און ניט מיט שרה, ואדרבא, דאס איז היפך ענינה של שרה, ווי זי האט געטענה'ט "גרש האמה הזאת ואת בנה" - פונדעסטוועגן, וויבאלד דער ענין (פון "על פני כל אחיו נפל") איז אריינגעשטעלט געווארן אין פ' חיי שרה, איז דערפון מוכרח כנ"ל אז דאס איז פארבונדען מיט "חיי אוצר החכמה שרה".

און דאס איז די כללות'דיקע הסברה פארוואס די גאנצע סדרה ווערט אנגערופן בשם חיי שרה (וואס באווייזט אז דאס איז די נקודה און דער חיות פון כל פרטי הסדרה) - ווארום ווען עס רעדט זיך וועגן דעם ענין פון "ויהיו חיי שרה מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים", פריער ווי זי איז געווען בת שבע שנים, דערנאך ווי זי איז געווען בת כ' שנה, און דערנאך ווי זי איז געווארן בת מאה שנה, און אויך, אין מקרא יוצא מידי פשוטו - אז דערמיט מיינט דער פסוק די קכ"ז שנה של חיי שרה, איז דער בירור ע"ז, ווי זי האט געלעבט איר לעבן, דוקא פון די מאורעות ועניינים וואס זיינען געטראפן לאחרי חיים חיותה בעלמא דין,

ניט (אזוי פיל) פון די ענינים וואס זי האט גע'פועל'ט במשך חייה, פון דעם האט מען נאך ניט דעם בירור; דאס וואס ס'איז געווען בא איר נר דלוק מע"ש לע"ש, און ברכה מצוי' בעיסה, און ענן קשור על האהל - האבן דאך די ענינים אויפגעהערט לאחרי מיתתה, משמחה פסקו, איז פון דעם קאן מען נאך ניט אינגאנצן וויסן צי איר איז געווען בתכלית השלימות; משא"כ ווען מ'זעט די השפעה וואס איר לעבן האט געהאט אויף די אלע ענינים שלאחרי זה, אז איר לעבן איז געבליבן אן ענין

- נצחי -

הנחת הת' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ה א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 176 הודפס ע"י א

נצחי כנ"ל – אט דערפון ווייסט מען שוין בבירור אז אלע קכ"ז שנה של שרה זיינען געווען שוין לטובה. און חיים הראויים לשרה.

וואס דאס איז אזוי בנוגע צו אלע ענינים פון דער סדרה. אז זיי אלע זיינען די הוצאוה פון חיי שרה. ביז צו דעם וואס עס רעדט זיך אין דיים לעצטן פסוק של הסדרה, איז דאס אויך פארבונדען מיט די השפעה פון שרה'ס לעבן, וכפי שיתבאר לקמן.

ב. בנוגע להמדובר לעיל. איז פאראן נאך א נקודה וואס מ'דארף נאך באווארענען: לכאורה, איז דאך אין מקרא יוצא מידי פשוטו, איז דאס וואס שטייט "ויהיו חיי שרה מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים שני חיי שרה" מיינט דאך כפשוטו – די יארן פון איר לעבן בעלמא דין. ווען זי איז געווען א נשמה בגוף דא למטה – חיים גשמיים: ועפ"י המבואר לעיל קומט לכאו' אויס אז מיט "ויהיו חיי שרה" מיינט דער פסוק די אלע ענינים וועלכע שטייען לאח"ז – די מאורעות וואס זיינען געשען לאחרי הסתלקותה וואס זיי אלע זיינען ענינים פון "חיי שרה", כנ"ל בארוכה?

איז דער ביאור בזה: מיט חיי שרה מיינט מען טאקע די קכ"ז שנה וואס זי האט געלעבט בעלמא דין, אבער פונדעסטוועגן, זיינען דאך די ענינים וואס זיינען געשען לאחרי הסתלקותה ניט געקומען בדרך נס, אן השתדלות ויגיעה, נאר זיי זיינען טאקע אויפגעטאן געווארן בחיי שרה ע"י עבודתה, דעמולט האט זיך אויפגעטאן דעם ענין, און ס'איז בלויז וואס די הוכחה ע"ז האט מען מהזמן שלאח"ז,

ד.ה. אז די אלע ענינים וואס ריידן זיך אין דער סדרה זיינען ענינים פון חיי שרה כפשוטו, פון איר קכ"ז שנה בעלמא דין, שאז, בהמשך ימי חייה, האט זי אויפגעטאן די אלע ענינים, ס'איז אבער מוכיח אז דאס איז געווען אזוי, אז איר לעבן איז געווען חיים הראויים לשרה, א לעבן אין וועלכע זי האט אויפגעטאן כל ענינים אלו באופן נצחי – פון די מאורעות וואס זיינען געשען לאחרי הסתלקותה, וואס דעמולט, ווען מ'זעט ווי יצחק האט זיך אויפגעפירט לאחרי הסתלקות אמו, און ווי אברהם האט זיך געפירט מיט בני חת וכו', האט מען די הוכחה ברורה אז איר לעבן איז געווען ווי עס דארף צו זיין.

און דאס איז אויך א הוראה לכאו"א: לכאו', ווען א איד טוט א מצוה, קען ער דאך טענה'ן: ס'איז שוין גענוג, ער האט געטאן א מצוה, א דבר טוב, און דאס איז א יחוד נצחי כנ"ל, דאס איז אן אייביקע זאך, איז וואס איז נוגע וואס ער וועט טאן מארגן, ווי ער וועט זיך אויפפירן מכאן ולהבא – ס'איז דאך א דבר נצחי?

האט מען אויף דעם די הוראה פון דעם ביאור הנ"ל: די הוכחה אז די פעולה וואס ער טוט איז א דבר נצחי איז פון דעם וואס מ'זעט וואס עס טוט זיך לאחרי זה, וואס עס שטעפט נאך דעם, ד.ה. ס'איז ניט גענוג אז דאס זאל בלייבן בא די פעולות אליין, און ניט אופטאן אויף שפעטער, נאר אדרבא, וויבאלד דאס איז א דבר נצחי, מוז דאס פועל'ן אויף אלע ענינים שלאח"ז, אז זיי זאלן זיך פירן לויט ווי עס האט זיך אויפגעטאן ווען ער האט געטאן די מצוה; אזוי ווי ס'איז געווען בא שרה, אז דאס וואס די אלע ענינים האבן זיך אויפגעטאן באופן נצחי במשך פון די קכ"ז שנה וואס שרה איז געווען בעלמא דין, א נשמה בגוף (וואס דערפאר ווערן כל עניני הסדרה אנגערופן חיי שרה), ווייס מען דאס, און די הוכחה ע"ז איז – פון די מאורעות וואס זיינען געשען לאחרי הסתלקותה, וואס אויך דעמולט האט זיך געפירט אלע ענינים כפי רוחה של שרה.





הנחה הת' בלתי מוגה

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ה א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 177 הודפס ע"י או

דאס איז אויך ע"ד וואס ער זאגט אין משנה (אבות פ"ד מי"ז) "יפה שעה אחת בתשובה ומע"ט בעוה"ז מכל חיי עוה"ב", שהביאור בזה הוא: "כל חיי עוה"ב" זיינען בלויז א תוצאה פון די עבודה פון אידן איצטער, און די סיבה פון עוה"ב איז – די תשובה ומע"ט פון עוה"ז, ד.ה. אז אלע ענינים וואס וועלן זיין לע"ל, טוען זיך אויף באמת איצטער, בפועל, דורך די עבודה פון אידן; אלע ענינים זייען שוין דא בעוה"ז, נאר איצטער שטייט דאס בהעלם און לע"ל וועט דאס נתגלה ווערן, וועלן דעמולט די ענינים ארויסקומען לידי גילוי; אבער ס'איז בלויז א תוצאה פון דעם וואס טוט זיך אויף איצטער,

וכ"ה בענין זה, אז אלע ענינים האבן זיך אויפגעטאן במשך פון די קכ"ז שנה של שרה, ובאופן נצחי, אבער די הוכחה ע"ז האט מען פון די מאורעות וואס האבן זיך בעטראפן לאחרי הסתלקותה, כנ"ל.

און אזוי איז דאס אויך בנוגע צו דעם וואס עס שטייט בסיום הסדרה – וועגן ישמעאל ובניו: "על פני כל אחיו נפל" (ניט שכן נאר נפל),

וואס אין תורה איז דאך יעדער אות בדיוק, ועאכו"כ א גאנצע ווארט און א גאנצער ענין, וכמדובר כמ"פ (ע"פ המבואר בפיה"מ להרמב"ם סנה' פ' חלק יסוד השמיני) בנוגע צו א ס"ת, אז כדי מ'זאל קענען לייענען ברבים "אנכי ה' אלקיך אוי מאכן אויף דעם א ברכה וכו', מוז דאף זיין אז די ווערטער "ותמנע היתה פלגש" זאלן געשריבן ווערן באופן כך וכו', ד.ה. אז יעדער אות אין תורה איז נוגע צו די שלימות פון די גאנצע תורה,

איז דאס וואס עס שטייט דא בנוגע צו בני ישמעאל "על פני כל אחיו נפל", איז דאס אן ענין וואס איז בדיוק, און פון דעם קען מען אפלערנען א הוראה וכו', וכנ"ל, דאס איז אן ענין וואס איז פארבונדן מיט, און א חלק פון, חיי שרה; וואס לכאו' איז דאך ניט מובן, כנ"ל: די ענינים וואס זייען פארבונדען מיט ישמעאל ובניו זייען ניט קשור כ"כ עם שרה (ואדרבא, זי האט דאך גע'טענה'ט "גרש את האמה הזאת ואת בנה"), נאר מיט אברהם'ען?

איז דער ביאור אין דעם כארשטיגדיק פון דעם וואס דער פסוק הייבט אן בתחי'ת הענין: "ואלה תולדות ישמעאל בן אברהם אשר ילדה הגר המצרית שפחת שרה לאברהם", וואס לכאו' איז דאס לגמרי ניט מובן:

נאך וואס זאגט די תורה די גאנצע אריכות "אשר ילדה הגר המצרית שפחת שרה" – דאס ווייס מען שוין פון פריער? מ'האט שוין פריער געלערנט אז הגר איז געווען שפחת שרה, און אז זי איז געווען א מצרית, און אז שרה האט איר געגעבן לאברהם לאשה; ואפילו דער ענין פון תולדות ישמעאל, וואס ישמעאל וועט האבן א קיום, ווייס מען שוין אויך פון פריער דער טעם ע"ז – ווייל אברהם אבינו האט מתפלל געווען "לו ישמעאל יחי' לפניך", שע"ז ענה לו הקב"ה "ולישמעאל שמעתיך גו' שנים עשר נשיאים יוליד גו'" (לך יז,כ), דאס איז דער פירוש הפשוט בהכתוב, איז נאך וואס חזר'ט דא איבער די תורה נאך אמאל אין פ' חיי שרה די אלע פרטים שבזה, ובאריכות, אז הגר איז געווען "הגר המצרית שפחת שרה"? דער כללות הענין וואס ער רעדט וועגן ישמעאל איז מובן, ווי רש"י ברייננגט אראפ אז דאס איז כדי מ'זאל וויסן וועגן יעקב'ן וכו' (ווי דער ביאור זאל נאר זיין בזה), אבער וואס איז דא נוגע צו איבערחזר'ן די אלע פרטים וועגן הגר?

נאר דא זאגט אונז די תורה אן ענין נפלא: עס קען דאך אמאל קומען א צייט וואס ישמעאל ווערט ווילד, און ווען מ'גיט א קוק ארום זעט מען אז תולדות ישמעאל זיינען בדיבורי גדול, ביז אין אן אופן פון "על פני כל אחיו", במילא, פאלט אן א מורא – "מי יקום יעקב כי קטן הוא",

זאגט אונז די תורה: מ'זאל וויסן אז די גאנצע מציאות פון ישמעאל ותולדותיו איז – וואס זיי זיינען די קינדער פון "הגר המצרית שפחת שרה", די קינדער פון הגר וואס זי איז א שפחה בא שרה, דאס איז זייער גאנצער מקור, זייער גאנצער מציאות, ובמילא, ווען ישמעאל הויבט אן טענה'ן

– אז –



הנחת הת' בלתי מוגה

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ה א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 178 הודפס ע"י

אז ער איז דער בן הגבירה, ניט בן השפחה, ווערט ער (בדרך ממילא) אויס מציאות.

במילא, אז עס קומט א צייט וואס ישמעאל ווערט ווילד, וואס דאס איז דאך זיין טבע, ווי עס שטייט פריער "והוא יהי׳ פרא אדם ידו בכל גו׳", און מ׳זעט אז עס שטייען ארום הונדערט מיליאן – זאגט די תורה אז עס איז ניטא וואס צו מורא האבן:

די גאנצע מציאות פון ישמעאל ובניו איז פון הגר, דאס איז זייער מקור, און ווער איז געווען הגר? – זאגט דער פסוק אז הגר איז געווען א מצרית, און זי איז אנטלאפן פון מצרים און געווען א שפחה בא שרה, וואס דאס איז ניט געווען קיין ירידה פאר איר, נאר אדרבא, דאס איז געווען פאר איר אן עלי׳, ווי רש"י ברייננט פריער אדז"פ (לך טז,א) אז מ׳האט בעזאגט אז ס׳איז בעסער אז הגר זאל זיין א שפחה בבית אברהם ווי א גבירה בבית אחר, ד.ה. אז ס׳איז געווען א זכות זי זאל זיין א שפחה בא שרה, און ווי קומט זי צו אברהם, שעי"ז איז זי געקומען צו לידת ישמעאל – דורך דעם וואס שרה האט איר געגעבן צו אברהם׳ן, ווי זי האט געזאגט "בא נא אל שפחתי", ד.ה. אז די גאנצע מציאות פון ישמעאל איז – וואס ער איז א בן השפחה, במילא, איז כל זמן ער איז מודה ע"ז האט ער זיין מציאות, משא"כ ווען ער טענה׳ט ניט אזוי, אז ער רייסט זיך אפ פון זיין מקור – הגר שפחת שרה – ווערט ער אויס מציאות.

און דערפאר שטייט דער ענין פון "על פני כל אחיו נפל" אין פ׳ חיי שרה –ווארום דאס וואס ישמעאל שטייט אין א מצב של נפילה איז פארבונדען מיט שרה: וויבאלד אז דער גאנצער ענין פון לידת ישמעאל איז געקומען עי"ז וואס שרה האט געגעבן איר שפחה, הגר׳ן – וואס זי איז געווען א מבריח און דערנאך איז זי געווארן א שפחה בא שרה – צו אברהם׳ן, קומט דאך אויס אז מצד שרה איז ישמעאל אין א מצב פון נפילה.

און דאס איז אויך וואס רש"י איז מפרש: עד שלא מת אברהם ישכון משמת אברהם נפל, וואס דער ביאור בזה איז: אברהם איז געווען אן איש אמת, איז אז אברהם האט געבעטן ביי דעם אויבערשטן "לו ישמעאל יחי׳ לפניך", איז די בקשה געווען א ישמעאל זאל לעבן ווי ער איז מצד אמיתית ענינו, וואס דאס איז – אט דאס וואס ער איז דער בן השפחה – "אשר ילדה הגר המצריה שפחת שרה לאברהם"; במילא, עד שלא מת אברהם – כל זמן ישמעאל האלט זיך בא די תפלה פון אברהם וואס ער האט פאר עם מתפלל געווען "לו ישמעאל יחי׳ לפניך" ווי זיין לעבן דארף זיין, אין אן אופן פון בן השפחה – איז דעמולט ישכון;

אבער משמת אברהם, ד.ה. אז ווען ישמעאל רייסט זיך אפ פון די תפלה פון אברהם דורך דעם וואס ער טענה׳ט אז ער איז ניט דער בן השפחה נאר בן הגבירה, ניט ווי דער אמת איז, שעי"ז רייסט ער זיך אפ פון אברהם וואס ער איז אן איש אמת, במילא האט ער שוין ניט די תפלה וואס אברהם האט געבעטן "לו ישמעאל יחי׳ לפניך" (באופן של בן השפחה כנ"ל), ובמילא, איז דעמולט "נפל" – שטייט ישמעאל אין א מצב פון נפילה.

(מכאן עד סיום השיחה (ע"ד "מיהו יהודי" ועוד) – חסר). ויהי רצון אז דער אויבערשטער זאל דערזעען דעם חשך כפול ומכופל אין וועלכן אידן געפינען זיך, און מבטל זיין די אלע מדידות והגבלות פון שכר ועונש, און אלע מדידות והגבלות פון זמן ומקום, און ברייננען די גאולה האמיתיה והשלימה ע"י משיח צדקנו, בקרוב ממש ובעגלא דידן, למטה מעשרה טפחים.

ג. (שיחה קצרה בהמשך ל"מיהו יהודי" – חסר).

ד. מאמר (כעין שיחה) עה"פ ואברהם זקן בא בימים גו׳.

- ה. -



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ה א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 179 הודפס ע"י א

# משיחות ש״פ חיי שרה תשל״ו

בס"ד. שיחת ש"פ חיי שרה, מבה"ח כסלו, ה'תשל"ו. <u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

א. כמדובר כמ"פ די תורה פון בעש"ט, וואס דער אלטער רבי ברייננגט דאס אין שער היחוד והאמונה בתחילתו –

[וכידוע דאס וואס ס'שטייט (און שוין אויך אפגעדרוקט (הערת כ"ק אד"ש בהערות ותיקונים להקדמת שעהיוה"א)) בשם חסידים הראשונים, אז ס'איז געווען א קס"ד בייס אלטן רבי'ן צו אנהויבן דעם ספר תניא מיט שעהיוה"א; וואס דער־פאר געפינט מען אין דער הקדמה צו שעהיוה"א "כמו שיתבאר" אויף ענינים וועלכע ווערן נתבאר אין ערשטן חלק פון תניא (לויט דער מסקנא)]

– אויפן פסוק (תהלים קיט, פט) "לעולם ה' דברך נצב בשמים", אז דער נאמען פון דער זאך איז מהוה ומחי' ומקיים די זאך.

וואס דאס איז געזאגט געווארן אפילו אויף עניני העולם, וואס עולם איז מלשון העלם (לקו"ת שלח לז, ד), און פונדעסטוועגן זאגט מען אז דער נאמען פון די זאך איז מהוה מחי' און מקיים די זאך <u>בגלוי</u>;

איז עאכו"כ אין אן ענין וואס איז פארבונדן מיט תורה, אדער אין תורה אליין, וואס תורה איז דאך העכער פון עולם [ווארום "אלפיים שנה קדמה תורה לעולם" (ב"ר פ"ח, ב)], און תורה ווערט דאך אנגערופן "תורה אור", אז אלע ענינים בתורה זיינען ליכטיג – איז דאך זיכער אז אין תורה איז פאראן בגלוי דער ענין אז דער נאמען איז מהוה מחי' ומקיים די זאך.

ועד"ז בנוגע לעניננו, אז דער נאמען פון היינטיקע פרשה איז חיי שרה, וואס דער נאמען איז ניט נאר אויפן ערשטן פסוק פון דער סדרה, נאר אויף דער גאנצער פרשה, און די גאנצע וואך [יעדער טאג פון דער וואך] ווערט אנגערופן די וואך פון "חיי שרה".

ובפרט שבת, וואס שבת לייענט מען די גאנצע פרשה בגלוי, בצבור און מיט א ברכה, און די גאנצע פרשה ווערט אנגערופן חיי שרה.

אע"פ אז לכאורה רעדט זיך וועגן חיי שרה נאר אין ערשטן פסוק, און גלייך אין פסוק נאכדעם רעדט זיך שוין אן ענין וואס איז <u>היפך</u> פון חיי שרה, אדער די איבעריקע ענינים וואס רעדן זיך אין דער סדרה, וועלכע האבן ניט קיין שייכות מיט שרה – וועגן יצחק, רבקה און וועגן ישמעאל וכו' – אעפ"כ ווערט די גאנצע סדרה אנגערופן "חיי שרה".

וויבאלד מ'האט שוין גערעדט במ"פ דעם ביאור בזה, וועט מען נאר מבאר זיין (עכ"פ) די נקודה שבדבר. וואס בכל שנה דארף מען דאך דאס לערנען נאך אמאל, באפש מ'האט דאס שוין געלערנט פאראיאדן;

און וויבאלד אז מ'דארף דאס יעדער יאר נאכאמאל איבער'חזר'ן, דארף דאך דאס זיין אין אן אופן פון "בכל יום ויום יהיו בעיניך כחדשים" (רש"י ובפרי עה"פ ואתחנן י, ו), און ניט נאר "<u>כ</u>חדשים" (מיט א כ"ף הדמיון), נאר חדשים ממש (רש"י יתרו יט, א), ווארום אז מ'וועט דאס איצטער לערנען בעומק, ברוחב ובאורך יותר, הייסט דאס אן ענין חדש וואס ער האט נאך ניט געלערנט, ובמילא הייסט דאס ביי אים "חדשים" ממש,

וואס דאס מיינט דאך ניט אז ס'קומט צו נאר אין דעם פרט, אז ס'קומט צו אן ענין וואס מ'האט נאך ניט געלערנט – נאר די הוספה איז אויך אין דעם וואס ער האט געלערנט פריער,

ווי מ'האט גערעדט שמח"ת אז דאס וואס לימוד התורה דארף זיין אין אן אופן פון "לאפשא לה" – איז די הוספה אויך אין דעם וואס ער האט געלערנט פריער, אז דער פריערדיקער לימוד ווערט אין אן אופן נעלה יותר מצד די הוספה.

– ע"ד –



הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 210 הודפס ע"י א

ע"ד ווי מ'זאגט "בן חמש למקרא בן עשר שנים למשנה" (אבות פ"ה מכ"ב) - איז דאך פארשטאנדיק אז בשעת ער ווערט א בן-עשר איז ניט נאר צוגעקומען דער פרט פון לימוד המשנה און דער מקרא איז ביי אים געבליבן אזוי ווי פריער, ווארום מ'זעט דאך במוחש אז ס'איז ניט דומה דער לימוד המקרא פון א בן חמש צום לימוד המקרא פון אן אדם גדול; ווייל ווען ער לערנט די דרשות רז"ל אין משנה ועאכו"כ אין גמרא, ווערט זיין לימוד המקרא גופא אין אן אנדער אופן. אז דער פשט אין דעם מקרא ווערט אנדערש מצד די הוספה וואס ביי אים איז צוגעקומען משנה און גמרא. אמת טאקע דער יסוד דערצו איז פון משנה און גמרא, אבער לפועל ווערט דער מקרא באופן אחר.

וואס דאס איז ע"ד ווי רש"י (בראשית ג, ח) זאגט אז ער איז מפרש "פשוטו של מקרא ולאגדה המישבת דברי המקרא" - ד.ה. אז דער יסוד דערצו איז אגדה, אבער דורך דעם ווערט "פשוטו של מקרא" באופן אחר. ועד"ז דורך די הוספה פון "יינה של תורה" און רזין דרזין פון תורה, ווערט דורך דעם א הוספה אין דעם פשט אליין.

און אזוי אויך בעניננו, אז דער פרט וואס קומט צו דורך דעם לימוד בעומק יותר וכו', פועל'ט דאס א הוספה אויך אין דעם לימוד וואס מ'האט געלערנט ביז איצטער.

און די הוספה איז באופן דאין ערוך, ווארום תורה איז דאך ארוכה מארץ מדה ורחבה מני ים" (איוב יא, ט), וואס דאס איז געזאגט געווארן ניט נאר אויף כללות התורה, נאר יעדער פרט אין תורה איז אין אן אופן פון "ארוכה וגו'" - בלי גבול.

וואס דערפאר קען זיין א הוספה אין השגת התורה באופן דאין ערוך, ווארום אלץ וואס ער האט געלערנט ביז איצטער איז דאס במדידה והגבלה, אע"פ אז ס'איז געווען דער "יגעת" און דער "מצאת", אבער היות אז דער אויבערשטער האט אים באשאפן במדידה והגבלה - און ער האט ניט קיין בחירה, ווייל אזוי האט אים דער אויבערשטער באשאפן - איז וויבאלד ער איז א מוגבל, איז די תורה וואס ער לערנט איז אויך בהגבלה, און ווי דער רמב"ם שרייבט אין זיין הקדמה צו מורה נבוכים (ח"ב הקדמה י"ב) אז גבול קען ניט האבן אין זיך בלי גבול.

איז וויבאלד אז אלץ וואס ער האט געלערנט ביז איצטער איז באופן של גבול, ווארום ער איז דאך נאך ניט נתבטל געווארן ממציאותו (וואס זיין מציאות איז מוגבל) - במילא קען ביי אים זיין א הוספה באופן דאין ערוך.

ד.ה. אז ס'איז ניט ע"ד משל ווי מ'וואלט זאגן, אז פאר טויזנט יאר קען מען אפלערנען מערער ווי פאר 70 אדער 120 יאר (שזהו רק הוספה בכמות); נאר דאס איז (ווי למשל) באופן אז ער איז משיג ביום אחד באי"ע ווי מ'איז משיג בשבעים שנה - עלי' באי"ע לגמרי. וע"ד קרני החיות כנגד כולם (קטע זה אינו ברור).

ועד"ז בנוגע צו פרשת חיי שרה, און אויך בנוגע צו די נקודה אז דער נאמען "חיי שרה" איז דער נאמען פון דער גאנצער סדרה: אע"פ אז ער האט דאס שוין געלערנט פריער, דארף דאך אבער זיין א הוספה בזה בעומק יותר וכו', און עד"ז דארף מען ארויסנעמען פון דעם הוראות בעבודת ה', ע"פ תורת אדה"ז (סה"ש תש"ב ע' 29 ואילך) אז מען דארף לעבן מיט דער צייט.

און דאס דארף זיין מובן בפשטות, ווארום דער נאמען חיי שרה איז ניט א נאמען ע"פ קבלה, נאר דאס איז דער נאמען בפשטות, און אזוי איז דער נאמען געדרוקט אין חומשים, און (ניט נאר אין חומשים, נאר אויך) אין לוחות

- בלה"ק -

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 211 הודפס ע"י א

בלה"ק, און אפילו אין לוהות אין אנדערע לשונות ווערט אנגערופן די סדרה מיטן נאמען "חיי שרה".

און דערפאר דארף זיין מובן בפשטות ווי אזוי אלע ענינים אין דער סדרה זיינען פארבונדן מיטן נאמען חיי שרה. און אויך - די הוראה אין דעם.

והביאור בזה:

נאכדעם וואס דער פסוק דערציילט וועגן שרה'ן, שטייט (פרשתנו כד, א) "ואברהם זקן בא בימים וגו'", און דערנאך קומט די מעשה מיטן שידוך צווישן יצחק און רבקה. וואס די זאך וואס האט געבראכט אז יצחק זאל מסכים זיין צו דעם שידוך איז, ווי דער פסוק (שם, סז) איז מסיים "ויביאה יצחק האוהלה שרה אמו גו'",

ווי רש"י (עה"פ) איז מפרש "והרי היא שרה אמו", אז ביי רבקה'ן זיינען געווען די זעלבע ענינים ווי ביי שרה'ן: נר דלוק מערב שבת לערב שבת, וברכה מצוי' בעיסה, וענן קשור על האוהל. און אז יצחק האט געזען די ג' ענינים וועלכע זיינען געווען ביי שרה'ן - איז "הרי היא שרה אמו", שרה איז דא!

ולכאורה, ווי קען מען אזוי זאגן - דאס איז דאך שוין לאחר די הסתלקות פון שרה'ן? - נאר וויבאלד ס'זיינען פאראן די ג' ענינים, וואס זיי זיינען דאך מצד דעם וואס שרה געפינט זיך דא; און וויבאלד אזוי, איז אויך איצטער פאראן חיי שרה.

ע"ד ווי ס'שטייט אין גמרא (תענית ה, ב) וועגן יעקב אבינו - "מה זרעו בחיים אף הוא בחיים". וואס דאס איז דאך אן ענין וואס שטייט אין גמרא, משא"כ בנדו"ד זאגט דאס רש"י בפשטות צו א בן חמש למקרא.

און אזוי אויך לאידך: דאס וואס אויך לאחר ההסתלקות איז דא חיי שרה, איז דאס א הוכחה אויף קודם ההסתלקות, אז דעמולט איז געווען חיי שרה - אבה"ע לעבעדיקייט.

ד.ה. אז אלץ וואס עס ווערט פריער דערציילט וועגן שרה'ן, אין פ' וירא, און נאך פריער אין פ' לך לך, און בסיום פ' נח - איז אז מ'קומט צו פ' חיי שרה, און כ'דעם אז אויך לאחרי ההסתלקות איז געבליבן דער ענין פון שרה, איז דאס א הוכחה אז אויך פאר די הסתלקות איז דאס געווען "חיי שרה" - שכולם שוים לטובה (ווארום ס'קען דאך זיין אין אן אופן ווי עס ברייגגט זיך אין נבואה יחזקאל (ג, כ) אז ס'זאל זיין א מציאות של חיים (אפילו חיים של צדיק וכו'), אבער דערנאך זאל דאס אינגאנצן פארלארן ווערן; אבער דא זאגט מען אז "כולם שוים לטובה").

כל הנ"ל איז דאך בנוגע שרה'ן אליין, דאס איז אבער ניט תכלית הכוונה, נאר דער תכלית איז צו פועל'ן אין וועלט, ווי ס'ברייגגט זיך אין תניא (פל"ז) פון ע"ח (שער כ"ו) אז "הנשמה עצמה אינה צריכה תיקון", נאר ירידת הנשמה איז כדי צו מתקן זיין דעם גוף ונה"ב וחלקו בעולם.

[דאס וואס ס'שטייט אין ע"ח ווייס איך ניט צי מ'ווייסט, אבער תניא לערנט מען דאך זיכער - וכידוע אז עס זיינען געווען חסידים, און אויך גדולי החסידים וואס האבן ניט געלערנט ע"ח וכו', וויילע זיי האבן געזאגט אז דאס וואס זיי דארפן וויסן פון ע"ח, ברייגגט דאס דער אלטער רבי אין תניא אדער אין מאמרים וכו', און וויבאלד אז ער איז א תלמיד פון אלטן רבי'ן דארף ער ניט מקבל זיין פון אנדערע ערטער, און אלץ וואס ער דארף וויסן, וועט ער וויסן פון אלטן רבי'.]

- ועד"ז -

הנחת הת' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 212 הודפס ע"י א

ועד"ז בנדו"ד, אז כ'איז ניט געגוג דאס וואס ביי שרה אליין איז דאס אזוי, נאר דאס דארף פועל'ן אויך אין וועלט, ווארום דאס איז דאך דער תכלית (כנ"ל).

און דאס איז ניט אן ענין וואס שטייט אין תניא און ע"ח, נאר דאס איז אויך מובן בפשטות צו א בן חמש, ווארום ער זעט דאך אז דער אויבערשטער האט באשאפן די גאנצע וועלט, און עס זיינען פאראן אין וועלט א ריבוי ענינים פון אכו"ט וכו', וואס זיי-זיינען פאראן אויך ביי א גוי, אבער פונדעסטוועגן איז פאראן א חילוק, ווארום ביים גוי איז פאראן נאר זיין מציאות, און די מציאות פון דעם מאכל וועלכן ער עסט, און מער פון דעם איז ניטא. משא"כ ביים אידן איז פאר דעם וואס ער גייט עסן, מאכט ער א ברכה "ברוך אתה ה'"; ווארום ער ווייסט אז ס'איז פאראן אן אויבערשטער - עסן כוז ער טאקע ווארום מ'קען דאך ניט באופן אחר, אבער פאר דעם עסן מאכט ער א ברכה - "ברוך אתה ה'", און ערשט דערנאך קען ער עסן.

אוצר החכמה
און די ברכה איז בדיבור דוקא. דלכאורה דארף מען פארשטיין: וויבאלד דער אויבערשטער איז דאך א יודע מחשבות, וואלט דאך געווען גענוג אז ער זאל טראכטן "ברוך אתה ה'", צוליב וואס דארף דאס זיין בדיבור?

נאר דער ביאור איז, אז מצד דעם אויבערשטן אליין וואלט געווען גענוג מחשבה אויך, נאר וויבאלד מ'דארף פועל'ן אויך אין וועלט, דערפאר דארף דאס זיין אויך בדיבור, אז ער איז מכריז אין דער גאנצער וועלט, אז אלע זאלן וויסן אז ער גלויבט אין אויבערשטן, און ניט נאר אז די וועלט זאל וויסן אז ער גלייבט אין אויבערשטן, נאר אז ער איז "מלך העולם" - אז די וועלט זאל וויסן אז ס'איז פאראן אויף איר א מלך.

וואס דאס איז דאך מובן בפשטות אויך ביי א בן חמש למקרא - און ביי א מידל נאך פריער - ווארום דאס איז דאך דער פשוט'ער פירוש המילות פון דער ברכה.

און דער קינד ווייסט אז עס זיינען פאראן צאצקעס, און מיני מתיקה וכו', און אז ער וויל עפעס עסן אדער טרינקען א ביסל וואסער, איז מען אים מחנך אז ער זאל מאכן א ברכה.

ד.ה. אז א קינד פון פינף יאר, אדער פון דריי יאר (אז ער קען שוין מאכן א ברכה), איז ער א בעה"ב אויף די גאנצע וועלט, און ער איז מכריז בכל העולם כולו "ברוך אתה ה'", און אז דער אויבערשטער איז"מלך העולם". און ערשט נאכדעם וואס ער מאכט א ברכה, ד.ה. אז ער איז מקיים דעם "אני נבראתי לשמש את קוני" (קידושין בסופה), גיט אים דער אויבערשטער זיינע צרכים כדי ס'זאל זיין א קיום צו דעם "נבראתי".

וואס דערפון איז מובן אז די כוונה איז ניט נאר ער זאל פועל'ן דעם "אלקינו" בנוגע צו זיך, ועד"ז ביי אשתו, וואס כגופו דמיא (מנחות צג, ב), און ביי בניו ובנותיו וואס זיינען סמוכים על שלחנו, און דערנאך - ביי חתניו וכלותיו, וואס די אלע זיינען נאך אלץ פארבונדן מיט אים - נאר די כוונה איז אז ער זאל פועל'ן אז ס'זאל זיין "מלך העולם".

ועד"ז דארף מען געפינען אויך ביי שרה'ן, ניט בלויז בנוגע צו איר אליין, נאר אויך בנוגע צו איר פעולה אין וועלט. ובפרט לויט ווי רש"י (לך יז, טו) זאגט דעם טעם אויפן נאמען "שרה" - אז "שרי" מיינט "(שרי) לי", אוצר החכמה משא"כ "שרה" איז "שרה על כל" - אויף די וועלט, דארף מען דאך זיכער געפינען איר פעולה בעולם.

איז דער ביאור אין דעם:

- דאס -

הנחה הת' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 213 הודפס ע"י א

דאס וואס ישמעאל האט תשובה געטאן בחיי אברהם איז געווען צוליב די הבטחה פון דעם אויבערשטן צו אברהם'ן אז "תקבר בשיבה טובה" (לך כו, טו וברש"י), וואס דעריבער האט ישמעאל געדארפט תשובה טאן.

ולכאו', ווי קען מען זאגן אז זיין תשובה איז געווען בהכרח (מצד די הבטחה פון "תקבר בשיבה טובה") – תשובה דארף דאך זיין דוקא ברצון, און ס'איז תלוי אין זיין בחירה?

איז דער ביאור אין דעם אז וויבאלד ער איז געווען א זון פון אברהם' האט דאס אים געעקבערט און ניט געלאזט רוען, ווארום לא ידח ממנו נדח, איז כאטש ער איז געווען א "פרא אדם ידו בכל וגו'" (שם טז, יב), פונדעסטוועגן מצד דערויף וואס ער איז געווען אברהם'ס זון, האט דאס אים ניט געלאזט רוען, און ער האט געמוזט תשובה טאן.

ביז ווי מ'זעט בסוף הסדרה (כה, יח), אז ס'שטייט "על פני כל אחיו נפל": כל זמן אברהם האט געלעבט, איז ער געווען אין אן אופן פון "ישכון", אבער יוען "וימת אברהם" איז געווען "נפל" (פירש"י); כאטש אז אויך לאחרי מיתת אברהם זיינען געווען אחיו וכו', אבער דאס איז געווען אין אן אופן פון "נפל" מצד מיתת אברהם. עס בלייבט נאך אבער די שאלה: מצד אברהם דארף טאקע אזוי זיין, אבער ער איז דאך אויך "בן הגר המצרית"?

ובפרט ווי רש"י זאגט (וירא כא, יד) אויף הגר'ן "חזרה לגלולי בית אבי'", איז אה"נ אז מצד דעם וואס ער איז בן אברהם, ציט אים אברהם לצד הקדושה, אבער הגר המצרית ציט דאך אים לצד ההיפך?

די קשיא איז אבער נאר פאר דעם וואס מ'קומט צו פ' חיי שרה; אבער אין פ' חיי שרה שטייט (כה, יב) "ישמעאל בן אברהם אשר ילדה הגר המצרית שפחת שרה". מלכתחלה איז זי געווען הגר המצרית, און ווי רש"י זאגט (לך טז. א) אז הגר "בת פרעה היתה", און דערנאך האט פרעה געזאגט "מוטב שתהא בתי שפחה בבית זה (ביי שרה) ולא גבירה בבית אחר", און דאן איז הגר געווארן די שפחה פון שרה.

וואס דער עניין פון עבד – ע"פ הלכה – איז. אז "מה שקנה עבד קנה רבו" (פסחים פח, ב), הגם אז "עבדא בהפקירא ניחא לי'" (גיטין יג, א). זאגט מען דאך ניט אז דאס פועל'ט אויפן עבד אז ער זאל ניט קונה זיין, נאר ער איז יע קונה, אבער דאס וואס ער איז קונה איז "קנה רבו" – ס'באלאנגט צום בעה"ב

ועד"ז בנוגע צו הגר שפחת שרה: וויבאלד זי איז געווען די שפחה פון שרה'ן. איז געווען די השפעה פון שרה'ן אויף ישמעאל'ן – אז ער האט תשובה געטאן.

און די סיבה וואס האט געבראכט אז ישמעאל זאל לפועל תשובה טאן, איז דאס געווען דורך שרה'ן: וויבאלד שרה האט געזאגט צו אברהם'ן "גרש האמה הזאת ואת בנה" (וירא כא, י). זי האט ניט געוואלט אז ישמעאל זאל זיין צוזאמען מיט יצחק'ן – "כי לא יירש בן האמה הזאת עם בני עם יצחק" (שם).

ווארום ישמעאל האט זיך געקריגט מיט יצחק'ן אויף די ירושה, און ער האט גע'טענה'ט אז ער איז דער בכור (פירש"י), וואס דעריבער האט שרה געזאגט "גרש האמה וגו'" –

וואס דאס איז דאך געווען היפך פון אברהם'ס רצון, ווייל מצד מדת החסד פון אברהם'ן, האט ער ניט געוואלט אוועקטרייבן זיי פון זיין שטוב, וכמ"ש (שם יא) "וירע הדבר מאד בעיני אברהם על אודות בנו", און ווי רש"י זאגט "על שאומרת לו לשלחו"; און אברהם האט געזאגט (לך יז, יח) "לו ישמעאל יחי' לפניך" – וואס דאס איז מצד דעם וואס מדתו איז מדה החסד – הכנסת אורחים אפי' לערביים.

- און -

הנחת הת' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 214 הודפס ע"י א

און דאס איז אויך געווען היפך הטבע פון שרה'ן אליין, ווארום ביי איר איז דאך אויך געווען מדת החסד; ווייל אז ס'זיינען געקומען "שלשה אנשים" (ערביים) אלס אורחים צו אברהם'ן, האט שרה זיך אויך משתדל געווען און עוסק געווען אין הכנסת אורחים ווי ס'שטייט "לושי ועשי עוגות" (וירא יח, ו), קומט דאך אויס, אז דער אוועקטרייבן הגר'ן און ישמעאל'ן איז געווען אויך היפך הטבע פון שרה'ן,

– ובפרט אז דאס איז היפך הרצון פון אברהם'ן; וואס "אשה כשרה עושה רצון בעלה" (תדא"ר ט), ד.ה. אז די גאנצע מציאות פון אן "אשה כשרה" איז דאס וואס זי איז "עושה רצון בעלה" [און דער בן חמש למקרא דארף דאך ניט האבן קיין ראיות אז שרה איז געווען אן אשה כשרה. און ער ווייסט אויך, און ער זעט – ביי זיך אין שטוב, אדער וואו ער זעט נאר אן אשה כשרה – אז אן אשה כשרה איז עושה רצון בעלה],

– ואעפ"כ, בשעת דאס איז אן ענין וואס איז נוגע צו דעם חינוך פון א אידישן קינד, האט זי ניט געקוקט אויף אידע אייגענע געפילן, און אויף איר טבע אין וועלכע זי איז שוין געווען מורגל נייינציק יאר [אדער עטליכע און ניינציק – נאכדעם וואס יצחק איז שוין אויסגעוואקסן ביז אז ישמעאל האט זיך שוין געקענט קריגן מיט אים],

ווילע וויבאלד אז דאס איז נוגע צו דעם חינוך פון א אידישן קינד, אז יצחק זאל ניט זיין צוזאמען מיט ישמעאל'ן, האט זי דערפאר ניט געקוקט אויף איר טבע וכו', און אויף אירע מדות – אפי' מדות טובות דקדושה, נאד די האט געזאגט: "גדש האמה הזאת ואת בנה". ביז אז לפועל איז טאקע געווען ווי שרה האט געזאגט, ווארום דער אויבערשטער האט געזאגט צו אברהם'ן "כל אשר תאמר אליך שרה שמע בקולה" (וירא כא, יב)],

– און דאס וואס אברהם האט פאדטריבן ישמעאל'ן פון זיין שטוב (וואס דאס איז געווען דורך שרה כנ"ל) – דאס האט גע'פועל'ט אויף ישמעאל'ן עד זאל תשובה טאן.

וואס דער ביאור בזה איז, ע"ד ווי ס'שטייט (משלי יג, כד) "חושך שבטו שונא בנו ואוהבו שוחרו מוסד"; איז אויב מ'וואלט ניט אוועקגעטריבן ישמעאל'ן מבית אברהם בשעת ער איז געווען אין א מצב פון "מצחק" (מיט די אלע פירושים שבזה), און מ'וואלט אים אזוי געלאזט בבית אברהם – איז וואס וואלט גע'פועל'ט אויף ישמעאל'ן ער זאל תשובה טאן און משנה זיין הנהגתו – ס'איז דאך "לא עצבו אביו מימיו" (מ"א א, ו)?!

דוקא דורכן אוועקטרייבן אים מבית אברהם, האט מען אים באוויזן אז זיין הנהגה איז ניט ווי ס'דארף צו זיין, איז כאטש עד איז געווען א "פרא אדם ידו בכל וגו'", פונדעסטוועגן האט דאס גע'פועל'ט אויף אים אז ער זאל כוכ"ס תשובה טאן.

– ביז אז זיין תשובה איז געווען בשלימות. וכידוע (יומא פו, ב. רמב"ם הל' תשובה רפ"ב) אז תשובה דארף זיין באותו ענין ובאותו מקום ובאותה אשה וכו', ועד"ז בנדו"ד, אז ס'שטייט (חיי שדה כה, ט) "ויקברו אותו יצחק וישמעאל בניו גו'", אז ישמעאל האט מקדים געווען יצחק'ן פאר זיך (ראה פרש"י עה"פ),

אע"פ אז ישמעאל האט פריער גע'טענה'ט אז ער איז דער בכור – וואס אין דערויף האט זיך דאך אויסגעדריקט זיין חטא, ווי שדה האט געזאגט "כי לא יירש בן האמה הזאת וגו'", ד.ה. אז ישמעאל האט זיך געקריגט מיט יצחק'ן אויף די ירושה, טענה'נדיק אז ער איז דער בכור –

– איז –

הנחת הת' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 215 הודפס ע"י א

איז בשעת אז ער האט תשובה געטאן, און ס'איז געווען דער "ויקברו אותו" - וואס דער ערשטער ענין וואס קומט גלייך נאך מיתת אברהם, איז דאך דער ענין הירושה - האט שוין ישמעאל מקדים געווען יצחק'ן פאר זיך, היפך פון זיין פריערדיקע טענה, אז ער איז דער בכור און אז אים קומט די ירושה. והיינו אז זיין התשובה איז געווען בשלימות.

וואס דערפון זעט מען דעם ענין פון "חיי שרה" ניט נאר ווי ס'איז געווען בנוגע לעצמה, נאר אויך בנוגע לפעולתה בעולם, אז זי האט גע'פועל'ט אויף ישמעאל'ן אז ער זאך תשובה טאן.

ועפ"י הנ"ל זעט מען דעם ענין פון חיי שרה אין אלע ענינים הכלליים וואס אין דער פרשה [וואס דערפאר ווערט די גאנצע פרשה אנגערופן "חיי שרה"]: בנוגע צו מערת המכפלה, בנוגע דעם שידוך פון יצחק מיט רבקה, און בנוגע ישמעאל. וואס דאס זיינען די ענינים כלליים אין דער פרשה, ועד"ז איז אויך מובן בנוגע צו אלע פרטים וואס אין דער פרשה, אז אלע פרטים האבן א שייכות מיט "חיי שרה".

וואס כאן המקום צו דערמאנען וועגן אן ענין וואס לאחרונה טומל'ט זיך וועגן דעם. וואס דאס איז בנוגע צו "מערת המכפלה": ס'זיינען פאראן אזוינע וואס טענה'ן אז דאס איז שייך צו ערביים, און אז אידן דארפן זיי דאס אפגעבן און מ'מאכה דארטן שווועריקייטן צו מתפלל זיין, און אז מ'פרעגט פארוואס, זיינען פאראן אזוינע אידן - וואס "מהרסיך ומחריביך ממך יצאו" (ישעי' מט, יז) - וואס טענה'ן אז די אראבער זיינען גערעכט, ווייל אברהם האט דאך געהאט צוויי זין, יצחק און ישמעאל, ובמילא האבן די אראבער דעם זעלבן חלק אין מערת המכפלה ווי די אידן.

דער אמת איז אבער, אז זיי האבן קיין שייכות ניט צו מערת המכפלה, ווארום זיי שטאמען בכלל ניט פון ישמעאל'ן; גאנץ מצרים, האלב סורי', דריי פערטל פון לבנון, און האלב ירדן, זיינען ניט די צאצאים פון ישמעאל'ן, נאר זיי זיינען געקומען פון כל מיני אומות, פון אפריקא, פון רוסלאנד, פון ארמעניע וכו', און נאר א קליינער טייל פון זיי זיינען פון ישמעאל'ן.

און אפי' ישמעאל אליין האט אויך ניט קיין שייכות מיט מערת המכפלה! ווארום מערת המכפלה האט מען ניט געקויפט צוליב קבורת אברהם, ווי ער דערציילט אין היינטיקע סדרה אז נאך פטירת שרה, איז געקומען אברהם לספוד לשרה ולבכותה, און דערנאך האט ער געדארפט האבן א מקום קבורה פאר שרה'ן, האט ער געקויפט פון בני חת - ניט פון ערביים - און האט דערפאר באצאלט ארבע מאות שקל כסף - און דאס איז געווען צוליב קבורת שרה.

- שפעטער האט מען דארטן מקבר געווען אויך אברהם'ן, און דערנאך אויך יצחק ורבקה, און יעקב ולאה, אבער דער קויפן פון מערת המכפלה איז געווען צוליב קבורת שרה, און ניט צוליב אברהם -

וואס מיט שרה'ן האבן זיי (די ערביים) קיין שום שייכות ניט, זיי זיינען זיך ניט מתייחס צו שרה'ן, און זיי זיינען ניט אינטערעסירט אין דעם. ואדרבה, ביי זיי איז דא א מחלוקת צי שרה איז געווען גערעכט אדער הגר וכו'. און וויבאלד אז מערת המכפלה האט מען געקויפט צוליב קבורת שרה, איז דאס שייך צו שרה'ס קינד - יצחק, און ישמעאל האט קיין שייכות ניט מיט מערת המכפלה.

איז אנשטאט מ'זאל זיי ענטפערן אזוי, זאגט מען זיי אז זיי זיינען גערעכט, און מ'מיינט אז דורך דעם וועט זיין שלום בעולם וכו'.

וע"ד ווי ס'איז לעצטנס געווארן, אז ס'איז דא אן ארט (זיי רופן

- דאס -

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 216 הודפס ע"י א